# אָוונט-מחשבות

די שטאָט איז פול מיט נאַכט-ליכט, מיט מאַטראָזן
וואָס שיכור'ן. און ווי געפלאָנט פון אַ בייזער הרמטה
נעמען זיי נקמה אין די טעג פון צופיל ניכטער-זיין.
אין שאַטנדיקע ווינקלען פלאָנטערן זיך פינסטערע פאַרשווינען.
נאָר דעם וואָס ס'פרייַלאַכט זיך, געפינט אַ טרייסט אין צווייטע...
און דעם וואָס פריקרע' איז, פאַרברענגט מיט זיך אַליין.

די שטאָט איז פול מיט נאַכט-ליכט און מיט זונות.
די פאַרשטעט נאָר, ווי ס'איז שוין-זייער שטייגער,
אַנוואָרפן שטילע שרעקן. און אָנגעאַנגענעמע רו.
ווי טיף אין זייער שווייגן וואָלט געוואַכט די פויסט פון שלעגער—
אַ, ס'נייע לאַנד, דאָס נייע לאַנד מיט אַלטע שנאות,
וואָס וואַכן נאָר, דערווייל, אין שוואַרצקייט פון דער שפּעטער שעה.

אַ, איצטער שלאָגט מען נאָר אין טונקלקייט פון שפּעטע שעה'ן,
מ'שפּרינגט אַרויס פון אומגעריכטע ראָגן
און מען דערלאַנגט פון הינטן האַרטע, טויבע קלעפּ.
און אויף צוזאַמענגס קומען בשורות, שוואַרץ ווי קראָען
און שטעלן זיך אויף די ביישטיבלאַך צו קלאָגן
און ייִדן בויגן שטילערהייט די קעפּ.

אַ, איצטער איז די שנאה נאָך פאַרבאָרגן, אַ געהיימע.
(אַ, ס'נייע לאַנד, דאָס נייע לאַנד מיט אַלטע שנאות)
נאָר מאָרגן ט'העלער טאָג, שוין אויך קיין מניעה זיין,
די שטינקאַכץ וועט אַרויסקריכן פון אַלע לייבער
און עיפּוש'ן מיט עזות. אָט ווי פעט-באַלייבטע ווייבער.
וואָס פרעגלען זיך אין נחת ביי דעם ים אין גאָלדענעם שיין...
נאָר דעם וואָס ס'פרייַלאַכט זיך, געפינט דערווייל נאָך אַ נחמה
און דעם וואָס פריקרע איז, פאַרברענגט מיט זיך אַליין.

יאָסל בירשטיין